**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 8/17/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט נאענט צו 15 מיליאן דאלאר אין גרענטס פאר פיר פראיעקטן צו דעמאנסטרירן טעכנאלאגישע לייזונגען פאר ענערגיע סטאָרעדזש פאר לענגערע צייטן**

***אין צוגאב איז 8.15 מיליאן דאלאר יעצט דא צו באקומען פאר טעכנאלאגיעס וועלכע דארפן נאך ארויפגעברענגט ווערן אויפן מארקעט און וועלכע שטופן פאר-, אנטוויקלען אדער טעסטן הײדראודזשען, עלעקטרישע, כעמישע, מעכאנישע אדער היץ עלעקטריציטעט סטארדזש טעכנאלאגיעס***

***שטיצט קלימאט פירערשאפט און קאמיוניטי באשיצונג געזעץ ציהל צו אינסטאלירן 3,000 מעגאַוואַטס פון ענערגיע סטאָרעדזש ביז 2030 און העלפט ערמעגליכן ווייטערע אנטוויקלונג צו אנקומען צו 6,000 מעגאַוואַטס***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט נאענט צו 15 מיליאן דאלאר אין גרענטס פאר פיר דעמאנסטראציע פראיעקטן וועלכע שטופן פאראויס ענערגיע סטאָרעדזש לייזונגען פאר לענגערע צייטן וועלכע וועלן העלפן איינשפאנען און אריינברענגען אוועקגעלייגטע ריינע ענערגיע אין ניו יארק'ס עלעקטריציטעט גריד. אין צוגאב צו די גרענטס, זענען 8.15 מיליאן דאלאר אין פינאנצירונג אנאנסירט געווארן צו שטיצן ניי-ערפינדנדע לייזונגען, מאשינען, סאפטוועיר, קאנטראלירונגען און אנדערע באגלייטנדע טעכנאלאגיעס וועלכע דארפן נאך ארויפגעברענגט ווערן אויפן מארקעט פאר ענערגיע סטאָרעדזש פאר לענגערע צייטן. פראיעקטן וועלכע ווילן אפלייען פאר א גרענט דארפן זיין אזעלכע וואס שטופן פאראויס, אנטוויקלען אדער טעסטן הײדראודזשען, עלעקטרישע, כעמישע, מעכאנישע אדער היץ עלעקטריציטעט סטארעדזש טעכנאלאגיעס וועלכע וועלן אדרעסירן אנגעלעגנהייטן ארום דאס אריינברענגען ריינע ענעריגע אין די גריד, וואו צום ביישפיל אנגעלייגטע דראטן, באגרעניצונגען אין קאפאציטעט און פערמיטס פאר שטחים פון אינפראסטרוקטור אין ניו יארק סיטי. די היינטיגע אנאנס שטיצט די ציהל פון דעם קלימאט פירערשאפט און קאמיוניטי באשיצונג געזעץ (Climate Leadership and Community Protection Act) צו אינסטאלירן 3,000 מעגאַוואַטס פון ענערגיע סטאָרעדזש ביז 2030 בשעת'ן ערמעגליכן ווייטערע אנטוויקלונג צו אנקומען צו 6,000 מעגאַוואַטס.

"יעדע ענערגיע סטאָרעדזש טעכנאלאגיע דורכברוך רעדוצירט אונזער אנגעוויזנקייט אויף פאָסיל ברענשטאף און באצייכנט פארשריט צו ערפאלגרייך אריינברענגען ריינע ענערגיע אין קאמיוניטיס אריבער די סטעיט", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די היינטיגע אנאנס שפיגלט אפ אונזער אנגייענדע איבערגעגעבנקייט צו אויפקומען מיט נייע ערפינדונגען און אנטוויקלען טעכנאלאגיעס וועלכע וועלן אונז ערלויבן צו זיין זעלבסטשטענדיג מיט ענערגיע און פארזיכערן אז מיטלען זענען דא ווען און וואו זיי פעלן אויס."

פארטיילט דורך די ניו יארק סטעיט ענערגיע פארשונג און אנטוויקלונג אויטאריטעט (New York State Energy Research and Development Authority, NYSERDA), שטיצן די גרענטס און די

געלעגנהייט צו אפּלייען צו באקומען פינאנצירונג ענערגיע סטאָרעדזש פראדוקט אנטוויקלונג און דעמאנסטראציע פראיעקטן וועלכע קענען ארויסגעבן ענערגיע פאר 10 ביז איבער 100 שעה אויף א סטאבילן אופן, באקאנט אלץ לאנגע-דויערונג ענערגיע סטאָרעדזש.

**גרענטס**

די אויסגעוועהלטע פראיעקטן רעכענען אריין:

- **Ecolectro, Inc.:** 1.08 מיליאן דאלאר — צו פארגרעסערן זייער דורכברעכנדע פאלימער כעמיע און מאטעריאלן וועלכע זענען ערווארטעט צו באדייטנד רעדוצירן די קאסטן פון פראדוצירן היידראודזשען דורך 'עלעקטראַליזיס' און פון מאכן באשטאנדטיילן וואס קענען אריינגעלייגט ווערן אין יעצטיגע דעזיינס. דער פראיעקט נעמט אריין דאס פארגרעסערן טעכנאלאגיעס וואס זענען שוין אויפגעוויזן געווארן אין לאבארעטאריע מיט אינדזשענירונג און מיט אויפווייזנדע 'פּראָטאָטייפּס' צו אויפבויען און טעסטן 10-קילאוואַט (kW) עלעקטראַליזיס יוניטס. די עלעקטראליזיס יוניט וועט געלייגט ווערן צום באנוץ אין א דעמענסטראציע פראיעקט בשותפות מיט Liberty Utilities אין מאסענע, ניו יארק.
- **Form Energy:** 12 מיליאן דאלאר — צו אנטוויקלען, דעזיינען און אויפבויען א דעמאנסטרירנדע פראדוקט וואס איז אויף א פארנעם וואס קען גענוצט ווערן אויפן מארקעט מיט 10-מעגאַוואט (MW)/1,000-מעגאַוואט שעה (MWh) מיט א נייע פארעם פון ביליגע, לאנגע-דויערונג ענערגיע סטאָרעדזש וואס ציהלט צו קענען סיי שטיצן דאס אריינברענגען ענערגיע פון ריינע מקורות נישט אין א ציה און אויך צו קענען צושטעלן מערערע טעג פון קארבאן-פרייע עלעקטריציטעט אויפן גריד אין א ציה ווען עס ווערט פארלאנגט. דער פראיעקט וועט זיך באנוצן מיט דורכברעכנדע אייזן-לופט באטעריע מאטעריאלן וועלכע זענען זיכער, דא בשפע און פאר גאר נידעריגע פרייזן און וועלכע קענען פארגרעסערט ווערן צו א גלאבאלע פארנעם נוצנדיג עקזיסטירנדע סופּליי טשעינס. א לאקאציע פאר דעם פראיעקט דארף נאך באשטימט ווערן.
- **PolyJoule, Inc.:** 1.03 מיליאן דאלאר — צו אינסטאלירן א 2MWh-, 167-kW PolyJoule לאנגע-דויערונג מאדולארישע באטעריע ענערגיע סטאָרעדזש סיסטעם (battery energy storage system, BESS) בשותפות מיט Eastern Generation ביי איר אסטאריע אויפטרייבונג סטאנציע וואס געפונט זיך אין קווינס, ניו יארק. דער דעמאנסטראציע פראיעקט ציהלט צו אויפווייזן די זיכערהייט, טעכנישע, אפעראציאנאלע און עקאנאמישע פאזיטיווע הינזיכטן פון די PolyJoule Conductive Polymer BESS אין א געדיכט-באוואוינטע שטאטישע פלאץ. די פערמיט פראצעדור, אינסטאלאציע און אנדערע ערמעגליכנדע פאדערונגען וועלן זיך ארויסווייזן צו האבן רעדוצירטע קאסטן צו ברענגען צום באנוץ און בויגזאמקייט פון די פלאץ וואו עס ווערט אויפגעשטעלט. מיט מערערע יארן פון טעסטן און אנאליזירן דאטא וואס איז געזאמלט געווארן דורכאויס טוישנדע אומשטענדן, ציהלט .PolyJoule, Inc צו אויפווייזן די טעכנישע שטאנדהאפטיגקייט פון די סיסטעם, זייענדיג אומשטאנד צו געלייגט ווערן צום באנוץ סיי וואו אין ניו יארק סטעיט.
- **Urban Electric Power (UEP):** $703,965 — צו אינסטאלירן א BESS 100-kW/1-MWh נוצנדיג UEP'ס זינק אלקאליין באטעריע וואס קען ריטשארדזשט ווערן און איז אונטער א פאטענט. די פארגעשלאגענע BESS וועט דעזיינט ווערן צו גענוצט ווערן פאר לאנגע-דויערונג ענערגיע סטאָרעדזש צוועקן (דאס הייסט 10 ביז 24 שעה) ביי ביזנעס און אינדוסטריאלע איינריכטונגען. נעמליך וועט די BESS צושטעלן שטאנדהאפטיגע עלעקטריציטעט פאר די באניצער, ערלויבנדיג צו רעדוצירן די ענעריגע דורכן פארמינערן די פארלאנג אין פארנומענע שעה'ן און שטיצנדיג די עלעקטריציטעט גריד דורכן ארויסהעלפן ווען די גריד דארף רעאגירן צו א פארלאנג. דער פראיעקט געפונט זיך אין פוירל ריווער, ניו יארק.

**נייע פינאנצירונג געלעגנהייט**

פאר די נאַרוואָס-אַרויסגעגעבענע איינלאַדענונג פאַר אַפּליקאַציעס וועלן גראַנטס געמאַכט ווערן פאַר פּראָדוקט אַנטוויקלונג, דעמאָנסטראַציע פּראָיעקטן און פאַרלאַנגען פאַר מיטגעטיילטע קאָסטן צו אַריינגעלייגט ווערן אין פעדעראַלע פינאַנצירונג אַפּליקאַציעס. פאָרשלאָגן וועלן אָנגענומען ווערן ביז 3:00 נאָכמיטאָג אויף די ניו יאָרק זייגער אום אקטאבער 17, 2023. איינצלהייטן איבער די איינלאַדענונג פאַר אַפּליקאַציעס זענען פאַרעפנטליכט אויף NYSERDA'ס [וועבזייטל](#).

**ניו יאָרק סטעיט ענערגיע פאָרשונג און אַנטוויקלונג אויטאָריטעט פרעזידענט און CEO, דאָרין מ. העריס, האָט געזאָגט,** "פאַרגרעסערן די סטעיט'ס קאַפּאַציטעט צו אַוועקלייגן ווינט און סאָלאַר ענערגיע פאַר לענגערע צייטן איז קריטיש צו קענען נאָכקומען אונזערע קלימאַט און ריינע ענערגיע ציהלן, באַזונדערס אַזוי ווי מער ענערגיע פלוסט אַריין צו די גריד פון ריינע ענערגיע פּראָיעקטן וועלכע ווערן אַריינגעבערענגט אין באַנוץ. די ענערגיע סטאָרעדזש טעכנאָלאָגיעס וועלכע ווערן פאַרווירקליכט דורך דעם פּראָגראַם מאַכן זיכער אַז ניו יאָרקער וועלן האָבן צוטריט צו אַן עלעקטריציטעט גריד וואָס איז געטריבן דורך ריינע ענערגיע מיט די רואיגקייט פון וויסן אַז עס איז דאָ גענוג סטאָרעדזש קאַפּאַציטעט אַלץ 'בעק-אַפּ' מיט זיכערהייט מאָסנאַמען גענומען אַלץ די וויכטיגסטע זאַך."

**NY Best עקזעקיוטיוו דירעקטאָר וויליאַם אַקער האָט געזאָגט,** "NY-BEST אַפּלאָדירט גאָווערנער האָקול'ס אַנאָנס היינט, צושטעלנדיג נאָך סטעיט פינאַנצירונג פאַר לאַנגע-דויערונג ענערגיע סטאָרעדזש לייזונגען. לאַנגע-דויערונג ענערגיע סטאָרעדזש איז קריטיש צו קענען אָנקומען צו אַ גריד וואָס איז אָראָפּגענומען פון קאַרבאָן און צו פּולשטענדיג ערזעצן פאָסיל-ברענשטאָף-געטריבענע פּלענטס, און אַזעלכע אינוועסטירונגען שפּילן אַ צענטראַלע ראָלע ביים פאָראויס שטופּן וויכטיגע טעכנאָלאָגישע לייזונגען אין ניו יאָרק סטעיט."

שטופּן פאָר ענערגיע סטאָרעדזש אויף אַ גרויסע פאַרנעם איז קריטיש צו קענען נאָכקומען די סטעיט'ס קלימאַט געזעץ ציהלן און צו פאַרזיכערן די זיכערהייט פון ענערגיע סטאָרעדזש סיסטעמען איבער די סטעיט. לעצטע חודש האָט גאָווערנער האָקול אָנאָנסירט די אויפשטעלונג פון אַ נייע פייער זיכערהייט אַרבעטס גרופּע צווישן עטליכע אַגענטורן. כאָטש פייערן ביי ענערגיע סטאָרעדזש איינריכטונגען זענען גאָר זעלטן, דאָך האָט די גאָווערנער פאַראָרדנט די ניו יאָרק סטעיט דיוויזיע פון היימלאַנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס'ס אָפיס פון פייער פאַרמיידונג און קאָנטראָל, NYSERDA, די ניו יאָרק סטעיט דעפּאַרטמענט פון ענווייראָמענטאַלע אָפּהיטונג, די דעפּאַרטמענט פון פּובליק סערוויס און די סטעיט דעפּאַרטמענט צו אָנפירן די אַרבעטס גרופּע צו איבערקוקן אויף אַן אומאָפּהענגיגן אופן די ענערגיע סטאָרעדזש איינריכטונג פייערן און זיכערהייט סטאַנדאַרטן. די גרופּע וועט אויסניצן נאַציאָנאַלע באַרימטע עקספּערטן און נאַציאָנאַלע לאַבאָראַטאָריס אין ענערגיע סטאָרעדזש די גרונט-סיבה און עמערדזשענסי אָפּרוף אַנאַליז צו אָפּשאַצן פאַר זיך און אידענטיפיצירן געוויינטליכע סיבות, לופּט קאָנטראָל רעזולטאַטן אָדער אַנדערע קאַמיוניטי השפּעות, און אַנדערע פאַקטאָרן וואָס האָט צו טון מיט ענערגיע סטאָרעדזש פייערס. די געפינסן און רעקאָמענדאַציעס וועלכע וועלן געמאַכט ווערן אַלץ רעזולטאַט פון די געפינסן וועלן מיטגעטיילט ווערן מיט די ניו יאָרק סיטי פייער דעפּאַרטמענט, די נאַציאָנאַלע פייער באַשיצונג אַסאָסיעישען, די אינטערנאַציאָנאַלע קאָוד קאָנסיל, די ניו יאָרק סטעיט פייער פאַרמיידונג און געביידע קאָוד קאָונסיל, און אַזוי אויך Underwriters Laboratories — וואָקשטעלנדיג ניו יאָרק אין אַ פּאַזיציע אַלץ אַ נאַציאָנאַלע און אינטערנאַציאָנאַלע פירער אין פייער זיכערהייט און אין ענערגיע סטאָרעדזש סיסטעמען וואָס שטייען אויף איין פלאַץ.

די פינאַנצירונג ווערט געאָפּפערט דורך NYSERDA'ס 'ריינע ענערגיע אָפּטימיזאַציע און ענערגיע סטאָרעדזש ערפינדונגען פּראָגראַם' ( Renewable Optimization and Energy Storage Innovation Program), און עס בויט אַרויף אויף ניו יאָרק סטעיט'ס אינוועסטירונגען אין פאָרשונג, אַנטוויקלונג און צו אַריינברענגען נייע פּראָדוקטן אויפן מאַרקעט צו שטיצן ערפינדער וועלכע פאָרשנעלערן די נייע טעכנאָלאָגיעס צו אַראָפּנידערן עמיסיעס און באַערדיגן קאַרבאָן וועלכע זענען נויטיג צו קענען

נאכקומען די סטעיט'ס ציהל צו אנקומען צו א פולשטענדיג קארבאן-באלאנסירטע עקאנאמיע. NYSERDA'ס ערפינדונג פראגראם גיבט אויס 800 מיליאן דאלאר איבער א צייט אפשניט פון 10 יאר אין דירעקטע אינוועסטירונגען דורך גרענטס און דורך שטיצע פאר אלעס ארום און ארום ביים ארויפברענגען נייע פראדוקטן אויפן מארקעט. מער פון 680 מיליאן דאלאר אין פריוואטע אינוועסטירונגען און 200 מיליאן דאלאר אין פינאנצירונג געלטער פאר פראיעקטן זענען שוין ערמעגליכט געווארן און מער פון 450 נייע ריינע ענערגיע פראדוקטן זענען ארויפגעברענגט געווארן אויפן מארקעט אלץ רעזולטאט פון די NYSERDA'ס אינוועסטירונגען אין טעכנאלאגיע און אין ביזנעס אנטוויקלונג, אריינרעכנענדיג LED באלייכטונג סיסטעמען, היים אפלייענסעס, באטעריעס וואס האלטן אן לענגער, און מער שפארזאמע הייצונג און קילונג סיסטעמען.

NYSERDA'ס אינציאטיוון ווערן פינאנצירט דורך די סטעיט'ס 10-יאריגע, 6 ביליאן דאלארדיגע 'ריינע ענערגיע קאסע' (Clean Energy Fund). מער אינפארמאציע איבער די געלטער איז פארעפנטליכט אויף NYSERDA'ס וועבזייטל.

**ניו יארק סטעיט'ס לאנדס-פירנדע קלימאט פלאן**
ניו יארק סטעיט'ס לאנד'ס-פירנדע קלימאט אגענדע רופט פאר א מסודר'דיגע און יושר'דיגע אריבערגאנג צו ריינע ענערגיע אויף א פארנעם וואס שאפט נייע דזשאבס וועלכע ערמעגליכן ארבייטער צו אויסהאלטן א פאמיליע, עס זעצט פאר צו שטיצן א גרינע עקאנאמיע אין אלע סעקטארן און פארזיכערט אז צום ווייניגסטנס 35% – שטרעבנדיג צו 40% – פון די בענעפיטן פון ריינע ענערגיע אינוועסטירונגען קומען אן צו שוואכערע קאמיוניטיס. ווערנדיג געוויזן די וועג דורך טייל פון די לאנד'ס מערסט-אגרעסיווע קלימאט און ריינע-ענערגיע אינציאטיוון, איז ניו יארק אויף די ריכטיגע רעלסן צו ערגרייכן אירע ציהל צו האבן אן עלעקטריציטעט סעקטאר פריי פון עמיסיעס ביז 2040, אריינרעכנענדיג צו אנקומען צו 70% ריינע ענערגיע אויפטרייבונג ביז 2030, און צו אנקומען צו א קאַרבאן-נייטראלע עקאנאמיע ביז די מיטן פון די יאר-הונדערט. א צענטראלע חלק פון די אריבערגאנג זענען ניו יארק'ס פרעצעדענטלאזע אינוועסטירונגען אין ריינע ענערגיע, אריינרעכנענדיג איבער 35 ביליאן דאלאר אין 120 גרויסארטיגע ריינע ענערגיע און עלעקטריציטעט דראטן פראיעקטן איבערן סטעיט, 6.8 ביליאן דאלאר צו רעדוצירן עמיסיעס פון געביידעס, 3.3 ביליאן דאלאר צו פארגרעסערן די מאס פון סאלאר ענערגיע, מער פון 1 ביליאן דאלאר פאר ריינע טראנספארטאציע אינציאטיוון און איבער 2 ביליאן דאלאר אין ניו יארקע גרינע באנק פארפליכטונגען. די און אנדערע אינוועסטירונגען שטיצן מער פון 165,000 דזשאבס אין ניו יארק'ס ריינע ענערגיע סעקטאר זינט 2021 און אן איבער 3,000% וואוקס אין די אינדוסטריע פון פריוואטע סאלאר באנוץ זינט 2011. כדי צו רעדוצירן שעדליכע גאז עמיסיעס און פארבעסערן די קוואליטעט פון די לופט, האט ניו יארק אריבערגעפירט עמיסיע-פרייע קארן רעגולאציעס, אריינרעכנענדיג די פאדערונג אז אלע נייע פאסאנזשיר קארן און טראקס וועלכע ווערן פארקויפט אין די סטעיט זאלן זיין פריי פון עמיסיעס ביז 2035. שותפות'ן גייען וייטער אן צו שטופן פאראויס ניו יארק'ס קלימאט אקציע, מיט כמעט 400 רעגיסטרירטע און מער פון 100 סערטיפייד קלימאט-קלוגע קאמיוניטיס, כמעט 500 ריינע-ענערגיע קאמיוניטיס און די סטעיט'ס גרעסטע קאמיוניטי לופט נאכפאלגונג אינציאטיוו אין 10 שוואכערע קאמיוניטיס אריבער די סטעיט צו צילן לופט פארפעסטיגונג און באקעמפן קלימאט טויש.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן